

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

וילק-שובה
תשפ"ב לפ"ק
גליון קפ"ו

## פראגע

**ווען א מענטש טוט אזא הארבע עבירה ווי למשל הרג'ענען עמיצן ר"ל, וויאזוי קען תשובה אוועקנעמען זיין עבירה?**

## ענטפער:

דער אמת איז אז תשובה קען אוועקנעמען נישט נאר די זינד פון הרג'ענען איין מענטש, נאר אפילו פון הרג'ענען אסאך מענטשן העלפט תשובה. מיר זעען אז נבוזראדן איז געווען דער "רב הטבחים" – דאס מיינט אז ער האט גע'הרג'עט זייער אסאך מענטשן, און דאך איז ער נאכדעם אוועקגעלאפן און געטון תשובה; ער איז געווארן א גר צדק.

די שאלה איז יעצט, וואו איז יושר?

און דער ענטפער איז, מיר דארפן וויסן אז צווישן די סודות פון די דרכי השם איז אריינגערעכנט אז קיינער ווערט נישט גע'הרג'עט בלויז ווייל א מערדער האט אים געוואלט הרג'ענען; יעדער באקומט וואס עס איז אנגעשריבן אויף אים. ביים יום הדין איז שוין פארשריבן געווארן אין די פנקס של מעלה וואס עס גייט פאסירן צו אים. אודאי, ווען עפעס א רשע איז בוחר מיט זיין אייגענע בחירה צו זיין דער שליח איסצופירן דעם גזר דין, זיכער וועט ער באשטראפט ווערן דערויף. קיינער ווערט נישט ריינגעוואשן בלויז ווייל ער האט געטון וואס עס איז שוין געווען באשערט.

אבער לאמיר זאגן דער רשע באשליסט תשובה צו טון, ווערט זיין תשובה אנגענומען. זיין קרבן האט סיי-ווי געדארפט שטארבן, דערפאר איז עס נישט קיין אומ'יושר. במילא העלפט תשובה פאר אלעם.

דאס מיינט אבער נישט אז פאר אן ערנסטע עבירה קען מען זיך פטר'ן בלויז מיט'ן תשובה טון; חוץ טון תשובה דארף מען נאך אסאך מאל צוקומען צו יסורים אויף דער וועלט. ער מוז דורכגיין א געוויסע מאס פון יסורים פאר עבירות פון חייבי מיתות בית דין און חייבי כריתות. עס וועט קומען! עס קען נעמען צייט אבער עס וועט קומען; ער וועט באקומען וואס עס קומט אים. אבער אנשטאט דעם וואס עס זאל זיין סתם אן עונש, וועט עס קומען אויף אים אלס א **מירוק**; וואס מיינט אז עס וועט אים אויסוואשן.

דעריבער קענען מיר זאגן אז תשובה העלפט פאר אלעם, נאר עס ווענד זיך; אויב איז עס געווען א חטא אויף א מצות עשה; צ.ב. ער האט פארפאסט סוף זמן קרי"ש, דאן איז "אינו זז משם עד שמוחלין לו" (יומא פו, א) – ווי נאר ער טוט תשובה פארגיבט מען אים. דאס איז פאר'ן עובר זיין אויף א מצות עשה.

אבער אויב איז עס געווען א מצות לא תעשה, גיבט אים נישט די תורה תיכף א כפרה, נאר "תשובה תולה ויום הכיפורים מכפר" – ער דארף האבן תשובה און בנוסף צו דעם יום כיפור. אויב ער האט עובר געווען אויף א לאו מוז ער תשובה טון אוןווארטן אויף יום כיפור.

און אויב האט ער עובר געווען אויף א חייבי כריתות אדער חייבי מיתות בי"ד, דארף ער האבן מער פון דעם; ער דארף אויך צוקומען צו יסורים. עס וועט אויך זיין יסורים, אבער אויב האט ער זיך צוגעגרייט דערצו מיט'ן טון תשובה, וועלן די יסורים זיין א מירוק; עס וועט אים אויסלייטערן.

עס זענען אבער דא געוויסע שטעל-פארטרעטער אנשטאט יסורים וואס רבינו יונה רעדט דערפון באריכות

אין שערי תשובה. ער ציטירט א פסוק, "בחסד ואמת יכופר עון" (משלי טז, ו) – מיט חסד און אמת ווערן עבירות מכופר. אויב א מענטש טוט **חסד** אויף זייער א גרויסן פארנעם; אויב ער הייבט אן צו געבן צדקה און טון חסד אויף זייער א גרויסן אופן – ער גייט אינגאנצן ארויס פון זיין וועג צו טון חסד – דאס קען העלפן צו מכפר זיין אן עון; עס קען אים ראטעווען פון יסורים וואס ער וואלט ווען געדארפט באקומען. און אויך **אמת**. רבינו יונה זאגט אז אמת מיינט די תורה; ווי דער פסוק זאגט "אמת קנה, אל תמכור" (משלי כג, כג).

אלזא, אויב א מענטש וויל זיכער מאכן אז ער וועט נישט באקומען קיין עונשים פאר זיינע עבירות, דארף ער אריינלייגן שטארקע כוחות – מער ווי א געווענליכער מענטש טוט – אין תורה, אין החזקת התורה, און אין טון חסד, און דאס קען זיין גענוג צו פארצייען זיינע זינד און דינען אלס א שטעל-פארטרעטער אנשטאט יסורים. (#608)

## פראגע

**פארוואס דארפן מיר האבן נסיונות אויף דער וועלט? דער אויבערשטער ווייסט דאך שוין סיי-ווי פון פאראויס וואס מיר גייען צום סוף טון?!**

## ענטפער:

ווען דער אויבערשטער וויל מיר זאלן טון געוויסע זאכן איז עס נישט אויסצוגעפונען צי מיר גייען עס טון, נאר עס איז פאר אונז אן אויסטערלישע געלעגנהייט זיך אליינס צו טויש, זיך צו פארעמען. איך וועל עס מסביר זיין.

דער רמב"ם זאגט אזוי: עס איז דא א חילוק פון האבן עפעס "בכח", א פאטענציאל, ביזן עס אויספירן "מן הכח אל הפועל" – אז די פאטענציאל זאל ארויסקומען פאקטיש למעשה.

במילא, לאמיר זאגן אז דו ביזט א בעל צדקה, אבער עס איז נישט דא קיין ארימער מענטש ארום, דו וועטס נאך אלץ באקומען שכר. "חישב לעשות מצוה ולא עשה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאו" (שבת סג, א) – אז מען האט א רצון צו טון א מצוה באקומט מען אויך שכר. אויב א מענטש האט געוואלט געבן צדקה, ער האט ארויסשפאצירט מיט א פולן טאש געלט און געזוכט א משולח, אבער ער האט קיינעם נישט געטראפן, וועט ער באקומען שכר פאר דעם. אבער אויב האסטו נאך א **גרעסערע זכי'**, וועט דער אויבערשטער אונטערשיקן אן עני הגון פון ארץ ישראל וואס האט 12 קינדער, און דער איד דארף געלט אזוי שטארק ווי עס קען נאר זיין, דאס מיינט זיין ברויט, און ער וועט געבן פאר דעם איד הונדערט דאלאר, מיט'ן געבן די געלט האט ער גענומען זיין פאטענציאל פון חסד און עס פארוואנדלט אין א פאקטישע מעשה המצוה, און דערמיט האט ער זיך אליינס געטוישט צו א נייער מענטש. די מצוה האט אים אויפגעהויבן. ער איז יעצט א נייער מענטש, און עס איז א געוואלדיגער זכות פאר אים.

דאס איז די סיבה פארוואס השי"ת גיבט אונז נסיונות, פאר אונזער תועלת. דאס זאגט דער מדרש (בראשית רבה, נה, א) אויפ'ן פסוק "אחר הדברים האלה והאלקים נסה את אברהם" (בראשית, כב, א). וואס מיינט **ניסה**? זאגט דער מדרש, אזוי ווי עס שטייט "ושא **נס** לקבץ גליותינו" – הייב אויף א פאן אייצוזאמלען אונזער גליות. **נס איז א פאָן**. דאסווארט "נשא" – נ' ש' א', וואס מיינט אויפהייבן, און דאס ווארט "נסה" – נ' ס' ה', אויסצופראבירן, איז פונעם זעלבן שורש. "אלקים נסה את אברהם" מיינט – דער אויבערשטער האט אויפגעהויבן אברהם. וויאזוי האט ער אים אויפגעהויבן? דורכ'ן אים געבן א געלעגנהייט צו טון א מעשה המצוה, ארויסצוברענגען זיינע רצונות מן הכח אל הפועל.

אברהם האט געהאט "בכח" צו טון אזא גרויסע מסירת נפש ווי די עקידה, אבער ווען ער האט פאקטיש עס אויסגעפירט, ווען ער האט גענומען שטריק און ארומגעבינדן זיין זון אויפ'ן מזבח און אויפגעהויבן דעם מעסער העכער זיין האלז, איז ער אויסטערליש געשטיגן, ער האט קונה געווען א געוואלדיגע זכות.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב